**גאווערנער קעטי האוקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/11/2022

**גאווערנער האוקול אנאנסירט צוגעגעבענע הילף אויף אויסצוהאלטן פארטא ריקא אגריקולטורעלע אינדוסטריע נאכפאלגנדיג הארקעין 'פיאנע'**

***צווייטע ליפערונג פון עסנווארג — 19,000 פונט — בייגעשטייערט דורך ניו יארק סטעיט פארמס צו ארטיגע עסנווארג קאמער***

***האנדלעריי פארטנערשיפ צווישן ניו יארק און פארטא ריקא צו פארברייטערן דאס האבן צוטריט צו פרישע פראדוקטן***

***קארנעל אוניווערסיטעט באט אן פראגראמען פאר אגריקולטור און פארשונג פאר סטודענטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן ברייטערע שטיצע פאר פארטא ריקא'ס אגריקולטורעלע אינדוסטריע און עמערדזשענסי עסנווארג הילף ארגאניזאציעס, בשעת די אינזל זעצט פאר ווייטער איבערצובויען נאכפאלגנדיג הארקעין 'פיאנע'. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס אינאיינעם מיט די הילף פון דער ניו יארק פארם ביורא, האבן ארגאניזירט א ביישטייערונג פון 19,000 פונט פון עסנווארג פון ניו יארק פארמס. דאס בויט אויף [א ביישטייערונג צוגעשטעלט דורך 'פידינג ניו יארק סטעיט'](#) אום סעפטעמבער, פון 37,000 פונט פון געמישטע פרישע פראדוקטן. דער גאווערנער האט אויך געמאלדן א נייע האנדלעריי פארטנערשיפ צווישן ניו יארק און פארטא ריקא צו פארברייטערן דאס האבן צוטריט צו פרישע פראדוקטן, ווי אויך א פארטנערשיפ מיט קארנעל אוניווערסיטעט אנצובאטן סטודענטן ביי אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז נייע פראגראמען און ערפארונגען פאר אגריקולטור און פארשונג.

"די חורבן וואס 'פיאנע' האט איבערגעלאזט קומט נישט צו צו די שטארקייט און פעסטקייט פון אונזערע פריינט און פאמיליע אין פארטא ריקא," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "איך דאנק אונזערע ניו יארק פארמער וועלכע האבן כסדר'דיג געענטפערט דער רוף אויסצוהאלטן אונזערע שכנים אין נויט, און איך קוק ארויס צו א מער שטאנדהאפטיגע שטראם פון פרישע פראדוקטן גייענדיג צו און פון דער אינזל אויף פילע קומענדיגע יארן."

דורכאויס איר באזוך, האט דער גאווערנער באזוכט 'באנקא דע עלימענטאס דע פארטא ריקא' (עסנווארג קאמער פון פארטא ריקא) אויף צו ערהאלטן די ביישטייערונגען און איבערפאקן די עסנווארג פאר דיסטריביושען צו נויטבאדערפטיגע פאמיליעס נאכפאלגנדיג די חורבן פונעם הארקעין. הארקעין 'פיאנע' האט אנגעטראפן לענגאויס דעם דרום-מערב בארטן פון פארטא ריקא אום זונטאג, סעפטעמבער 18 מיט אנהאלטנדע ווינטן פון 85 מייל פער שעה און פארפלייצנדע רעגן, ביז צו 30 אינטשעס אין געוויסע געגנטער. קאטאסטראפישע פארפלייצונגען האבן פאסירט, ספעציעל אין די דרום און דרום-מזרח טיילן פון דער אינזל, וואו שארפע העכערונגען לענגאויס טייכן אינאיינעם מיט איבערשטייגנדע בארטן

שטורעם פארפלייצונגען אין צוגאב צו שווערע רעגנס. דאס האט אפגעטון שווערע שאדן צו פראדוקטן-וואוקס נאנט צו דער צייט פון שניט, פארגרעסערנדיג די געברויך פאר זאפארטיגע און צוקונפטיגע הילף.

צוזאמארבעטנדיג מיט AGM, האט ניו יארק פארם ביורא ארגאניזירט די ביישטייערונג פון 300 שאכטלען פון עפל פון הודסאן ריווער פרוכט דיסטריביוטערס אין מילטאן, צוויי פעלעטס פון טארט פאמפקינס פון ריעווס פאמיליע פארם אין באלדווינסוויל, פינף פעלעטס פון באטערנאט סקוואש, פאמפקינס, פאטעיטעס און אנדערע פרישע גרינצייג פון אנדערע אנטיילנעמענדע פארמס, פאר א סך הכל פון 19,000 פונט פון עסנווארג. אלע ביישטייערונגען גייען צו דער ׳באנקא דע עלימענטעס דע פארטא ריקא׳ (עסנווארג קאמער פון פארטא ריקא) צו ווערן אויסגעטיילט לענגאויס דער אינזל.

דער באזוך האט אויך געשטעלט די יסוד איבערצופרישן ניו יארק׳ס געמיינזאם באלוינענדע האנדלעריי אויסטויש פארטנערשיפ מיט פארטא ריקא, וואס האט אריינגערעכנט אן אנהייבנדע אגריקולטור האנדלעריי פארום וואס האט צוגעברענגט פארטא ריקא׳ס איינקויפן פון ניו יארק סטעיט עפל, צוויבל און קרויט, און ניו יארק׳ס איינקויפן פון פארטא ריקאנע מאנגא, פאפאיע און זוים-לאזע וואסערמעלאנע. פלענער זענען אונטערוועגנס צו פארברייטערן דעם דאזיגן האנדלעריי אויסטויש, וואס וועט אריינרעכענען דער ניו יארק ׳פוד האב׳ אין די בראנקס׳ איינקויפן פון פרוכט פון פארטא ריקא וואס וועט פארמערן עסנווארג צוטריטליכקייט אין אונטערסערווירטע געגנטער פון ניו יארק סיטי. די ניו יארק דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ארבעט מיט הויפט דיסטריביושען קאנאלן אויף צו העלפן לייכטער צו מאכן דעם אגריקולטורעלע האנדלעריי פון פרישע פראדוקטן פון פארטא ריקא צו ניו יארקער מארקפלעצער, בשעת׳ן פארברייטערן באציאונגען צו פארמערן שטיצע און איינקויפן פון ניו יארק פארמס. עס איז וויכטיג אנצוגעבן אז פארטא ריקא אימפארטירט 85 פראצענט פון איר עסנווארג, און מיט נאטורליכע קאטאסטראפעס ווי האריקעין ׳מאריע׳ אום 2017 און ׳פיאנע׳ אום 2022, איז די איבעריגע 15 פראצענט אין געפאר אין סיי וועלכע יאר, פירנדיג צו ווייטערדיגע עסנווארג-נויט אין דער טעריטאריע.

קארנעל אוניווערסיטעט׳ס קאלעדזש פון אגריקולטור און לעבנס-וויסנשאפט שטיצט די באמיאונגען דורך איר ארבעט מיט די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז צו שאפן נייע סטודענט ערפארונגען און אינטערנשיפס אין אגריקולטורעלע וויסנשאפטן אויסצוהאלטן פארטא ריקא׳ס עסנווארג שטאנדהאפטיגקייט. דעם פאריגן זומער, האט קארנעל אוניווערסיטעט׳ס קאלעדזש פון אגריקולטור און לעבנס-וויסנשאפט פארגעשטעלט א זומער ערפארונגס לערנען געלעגנהייט פאר פינף אונטערגראדואיר סטודענטן פון דער אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז אויסצונוצן א חודש צייט ביי קארנעל׳ס פיעלד און ריסערטש לאבאראטאריעס צו לערנען איבער שטאנדהאפטיגע אגריקולטורעלע פארשונג פירונגען און די אנטוויקלונג פון ווערד-פארמערנדע אגריקולטורעלע פראדוקטן. קארנעל אוניווערסיטעט׳ס קאלעדזש פון אגריקולטור און לעבנס-וויסנשאפט וועט נאכאמאל אנבאטן דעם פראגראם אינעם זומער פון 2023 פאר נאך פינף סטודענטן איינצושאפן אינטערנשיפ ערפארונגען, בשעת די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז וועט אנבאטן א קורס ארויסהייבנדיג די וויסנשאפט פון פארם און עסנווארג סיסטעמען צו נאך 20 סטודענטן פון די אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז, העלפנדיג צו פארמערן עסנווארג ענטרעפענורס אינערהאלב פארטא ריקא.

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט דעיוויד פישער האט געזאגט,** ״די פארמעריי קאמיוניטי האט א היסטאריע פון זיך צושטעלן און ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן נאכפאלגנדיג א גרויסע נאטורליכע פארלוסט, צי מיר זענען אפגעטיילט דורך א פארם צוים אדער אן אקעאן. אונזערע הערצער זענען אויסגעגאנגען פאר די מענטשן פון פארטא ריקא, און ניו יארק פארם ביורא האט געארבעט שנעל מיט ניו יארק סטעיט צו טון וואס מיר קענען צו פארגרינגערן די לאסט. ספעציעל וויל איך דאנקען אונזערע פארמער וועלכע האבן בייגעשטייערט פרישע פרוכט און גרינצייג צו העלפן דורכאויס א צייט פון נויט.״

**פארשונג פראפעסארין פון גלאבאלע אנטוויקלונג ביי קארנעל אוניווערסיטעט׳ס קאלעדזש פון אגריקולטור און לעבנס-וויסנשאפט מעריסעליס אוועסעדא האט געזאגט,** ״עס איז דא א דרינגענדע נויט צו איבערטראכטן דעם אגריקולטורעלע אפטיילונג אין פארטא ריקא. די צוזאמארבעט צווישן קארנעל און אוניווערסיטעט פון פארטא ריקא-מאיאגוועז פארבינדט סטודענטן און איינגעשטעלטע אויף באמיאונגען צו שאפן מער שטאנדהאפטיגע און פעסטע אגריקולטורעלע סיסטעמען און בויען א קאמיוניטי פון פארבינדעטע פארשער ארבעטנדיג אויף לייזונגען צו די גרויסע קלימאטישע שוועריגקייטן וואס עסנווארג זיכערהייט שטייט אויס. אונזער פראיעקט פינאנצירט דורך א USDA-NIFA עדיוקעישען גרענט שטיצט לערנען מהלכים פאר UPRM אונטערגראדואיר סטודענטן און איינגעשטעלטע זיך צו פארבינדן מיט ניו יארק סטעיט אגריקולטורעלע פארשונג און פירונג און איינשאפן ערפארונג אין וועלט-פירנדע CALS לאבאראטאריעס און פראגראמען. דער פראגראם העלפט בויען א לעבהאפטיגע קאמיוניטי פון יונגע פארשער וועלכע וועלן לייזן דער וואקסנדער קלימאטישער קריזיס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418